תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א
קרית יואל - בני ברק

# אונזער תורה קוואל

## פרשת וירא



**כיתה ו' (א-ב)**

הר"ר מרדכי מנחם שווארץ הי"ו
הר"ר יואל וויינבערגער הי"ו

בס"ד

# חידו"ת לפרשת וירא

**וירא אליו ה' וגו' וישא עיניו וירא.**
ע"י מה זכה אברהם אבינו להשראת השכינה, למדריגת וירא אליו ה', ע"י וישא עיניו וירא, ע"י שהיו עיניו תמיד למטה והיה צריך להרים אותם כדי לראות, צא ולמד מכאן, ע"י שמירת עינים זוכים להשראת השכינה.

**(ייטב לב)**

מוכיח שדבר זה הוא חידוש ופלא ואירע רק פעם אחת בעולם והוא שלא כדרך הטבע, דאם היה זה דבר טבעי, לא היו מציינים אותו בציור, ובזה יובן מה שכתוב בתורה ששרה היתה צדיקת ונדיבת לב ליתן להאורחים סולת, מזה יש ראיה שסתם אשה עיניה צרה באורחים.

**(בעש"ט הק')**

**מהרי שלש סאים קמח סולת.**
ובגמרא איתא (בבא מציעא פז.) הוא אמר קמח והיא אמרה סולת מכאן שאשה עיניה צרה באורחים.
והקושיא מפורסמת, דהא אדרבה אם שרה אמרה להביא סולת הרי מוכח שאין עיניה צרה באורחים דהא סולת חשוב ביותר.
ונראה על פי משל, הארי אמר פעם לגוריו אריות הקטנים בנים שלו, תדעו שאתם הגיבורים הגדולים שבעולם וכל הבריות מתייראים מכם, פעם הלכו האריות הקטנים לפלטין אחד, וראו ציור גדול על הכותל איך ששמשון הגיבור עומד והורג את הארי בידיו וישסעהו כשסע הגדי, ברחו בבהלה לאביהם הארי ואמרו לו, אתה אמרת לנו שאנחנו הגיבורים, ושם ראינו ציור איך שאדם אחד עומד והורג ארי במו ידיו, השיב להם אביהם, אדרבה מזה גופא נודע גודל גבורתינו, אם אנשים מציירים ציור מיוחד האיך שאדם הורג ארי, הרי זה

**ויהי אחר הדברים האלה והאלקים נסה את אברהם.**
הנה חז"ל אמרו במס' מגילה דבר זה מסורת בידינו מאנשי כנסת הגדולה כל מקום שנאמר ויהי אינו אלא לשון צער, עיי"ש, וצריך ביאור מהו הלשון צער כאן, ויש לומר הכוונה ע"ד שאמר רבי עקיבא כל ימי הייתי מצטער על פסוק זה בכל נפשך אפילו נוטל את נשמתך ואמרתי מתי יבא לידי ואקיימנו, עיי"ש, כמו כן יש לומר דאברהם אבינו הי' מצטער כל ימיו מתי יזדמן לידו להקריב זבח לה' את בנו יחידו, והקב"ה ראה בצערו לכן ניסה אותו, כדי שיהא נחשב כאילו הקריבו, וזהו שאמר הכתוב, ויהי, שאברהם אבינו הי' מצטער מתי יבא לידו מצוה זו של הקרבת בנו יחודו להשי"ת, ולכן אחר הדברים האלה, פירוש אחר שראה הקב"ה בצערו, והאלקים נסה את אברהם וגו'.

**(ליקוטי כרם שלמה)**

### לושי ועשי עוגות

**לכאורה איז שווער פארוואס ביי אברהם שטייט לושי ועשי "עוגות", און ביי לוט שטייט "ומצות" אפה, עס איש דאך געווען אין יום טוב פסח ווי רש"י ברענגט אראפ?**

**נאר עס שטייט אין מדרש אז עס איז געווען חודש תשרי, און דער אייבישטער האט משנה געווען די מזלות, און עס איז געווארן פלוצלינג חודש ניסן - יום טוב פסח, במילא האט אברהם נישט געהאט קיין צייט צוצוגרייטן מצות שמורה, אזוי ווי אלע ערליכע אידן מיט אלע הידורים, און מ'האט געמוזט מאכן די מצות פון פשוטע מעהל, וואס ביי אברהם אבינו איז דאס נישט געווען קיין מצות, נאר "עוגות - קיכעלעך", אבער ביי לוט וואס האט במילא נישט אכטונג געגעבן געהעריג, ביי אים האט דאס געהייסן "מצות".**

(מרן רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע)

בס"ד

# והשענו תחת העץ

אין ספר חוט המשולש (עמ' קי"ח) ברענגט ער אראפ, אז די בני ארץ ישראל האבן איינגעלאדנט דעם הייליגן חתם סופר צו קומען ווערן רב אין ארץ ישראל, האבן זיי מיט געשיקט א שטיקל האלץ פון די בוים וואס אברהם אבינו האט געזעצט אונטער זיי די מלאכים.

דער הייליגער חתם סופר האט דאס גענומען, און געגעבן פאר א אומן, מאכן א שיינעם הענטל פאר די מעסער וואס ער פלעגט נוצן ביי די ברית'ן צו מל'ן, און ער האט דאס באצירט מיט זילבער, און דער חתם סופר האט מעיד געווען אז עס איז אים אלעמאל געלונגען די ברית'ן פון ווען ער האט גענוצט די מעסער (ווייל עטליכע מאל פארדעם איז געקומען אליהו הנביא ראטעווען די קינדער וואס זענען אריין אין א סכנה דורכ'ן ברית פונעם חתם סופר).

* * *

נאך ברענגט ער דארטן, אז די ענגלענדער האבן עס געוואלט אריבער ברענגען צו זייער מוזעאום (דארט האלט מען טייערע אלטע זאכן, וואס איז ווערד אסאך געלט) האבן זיי באצאלט אסאך געלד, און ווען זיי האבן געוואלט אויסגראבן די בוים, כדי עס אריבער צו ברענגען גאנצערהייט קיין ענגלאנד, איז ארויס א גרויסע פייער און די בוים האט זיך איינגעזינקען אין די ערד

בס"ד

# והוא עומד עליהם

מ'דערציילט אויף רבי חיים בריסקער ז"ל, ווען ער איז געווען א קינד איז ער שטארק נישט געזונט געווען, ער איז געווען א חולה מסוכן, דער פאטער רבי יאשע בער, איז געווען א איידעם ביי א קאברינער חסיד – ס'איז געוועהן דארט די שטוב וואו דער קינד איז געלעגן נישט געזונט – פונקט איז דער קאברינער (הגה"ק רבי משה מקאברין זי"ע) אנגעקומען אין שטאט, איז דער זיידע פונעם קינד – דער שווער פון רבי יאשע בער – געגאנגען איהם בעטן אז ער זאל אריין קומען אין שטוב געבן א ברכה פאר'ן קינד וואס איז געווען א חולה מסוכן.

האט ער געזאגט אזוי, "ס'שטייט ביי אברהם אבינו, והוא עומד עליהם תחת העץ ויאכלו, לכאורה דארף ווען שטיין והוא עמד עליהם, א לשון עבר, וואס עפעס והוא עומד עליהם? נאר ס'שטייט ביי אברהם אבינו (גמ' בבא בתרא טז:) אבן תלויה בצווארו און יעדע חולה וואס האט געקוקט איז נתרפא געווארן, אז מ'איז מקיים הכנסת אורחים דעמאלטס געפונט זיך אברהם אבינו דא, והוא עומד עליהם, ער איז כסדר עומד עליהם, דער קינד קען קוקן אויף דעם אבן שתלויה בצווארו של אברהם אבינו וועט ער ווערן געזונט".

# ויעש אברהם משתה גדול

ווען דער ערוגת הבושם האט חתונה געמאכט זיין טאכטער (עב"ג החתן הגה"צ רבי אהרן זילבערשטיין זצ"ל אב"ד בעלעד, בנו של הגאון הצדיק המעשי למלך אבד"ק ווייצען זצ"ל), האט ער איינגעלאדנט דעם זיידן דעם קדושת יום טוב, ס'איז דא א בריוו ווי ער לאדנט איהם צו די חתונה, אבער דער קדושת יום טוב איז נישט געפארן צו די חתונה, נאר ער איז געקומען אויף א שבע ברכות קיין חוסט.

די שבע ברכות איז געווען נאכמיטאג, איז געווארן א שאלה צי מ'דארף קודם דאווענען מנחה און נאכדעם די סעודת שבע ברכות, ס'איז שוין געווען דער זמן פון מנחה גדולה, האט דער זיידע דער קדושת יום טוב געזאגט אויף א ווערטל מ'זאל פרעגן דעם הוסטער רב (בעל ערוגת הבושם) אויב ער האט אנגעגרייט א סעודה גדולה, דעמאלטס דארף מען דאווענען מנחה קודם אזוי ווי די הלכה איז, (שו"ע או"ח סימן רל"ב) האט מען געפרעגט דעם ערוגת הבושם, האט ער געזאגט, אוודאי האט מען אנגעגרייט א סעודה גדולה, רש"י זאגט דאך אין פרשת וירא אויפן פסוק (בראשית כא, ח) ויעש אברהם משתה גדול, וואס מיינט משתה גדול "שהיו גדולי הדור מסובים בה", במילא אז דער סיגעטער רב איז דא איז דאס א משתה גדול...

בס"ד

וְאַנְשֵׁי סְדֹם רָעִים וְחַטָּאִים לַה' מְאֹד:(בראשית יג, יג)

וַיֹּאמֶר ה' זַעֲקַת סְדֹם וַעֲמֹרָה כִּי רָבָּה וְחַטָּאתָם כִּי כָבְדָה מְאֹד: (בראשית יח, כ)

# מהפיכת סדום ועמורה

**געקליבן פון מדרשים און מאמרי חז"ל**

די שלעכטע מענטשן פון סדום האבן אפגעשניטן די אלע ביימער ארום זייער שטאט אז די עופות זאלן נישט האבן וואס צו עסן.

זיי האבן אויסגעשריגן אז ווער ס'וועט געבן צדקה וועט ווערן פארברענט.

אויך האבן זיי נישט געלאזט רופן פרעמדע מענטשן פון אנדערע שטעט צו זייערע סעודות און שמחות, אויב איינער איז יא געקומען האבן זיי געהאט צוויי בעטן א לאנגע און א קורצע, אויב איז דער גאסט געווען א הויכער מענטש האבן זיי אים אריין געלייגט אין די קורצע בעט און מ'האט אים אפגעשניטן זיין פוס וואס האט ארויס געשטעקט פון בעט, און אויב איז ער געווען א נידעריגער מענטש האבן זיי אים אריין געלייגט אין די לאנגע בעט און פון די זייטן זענען געשטאנען דריי מענטשן און מ'האט אים געשלעפט פון ביידע זייטן און זיי האבן זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון די קולות וואס ער האט געשריגן פון די יסורים.

לוט האט געהאט א טאכטער וואס האט געהייסן פלטית, זי האט יעדן טאג געגעבן פאר א ארימאן ברויט און זי פלעגט עס אריין לייגן אין א פאס אז קיינער זאל נישט זעהן ווי אזוי זי געבט צדקה פאר די ארימאן, די שלעכטע מענטשן האבן זיך געוואונדערט ווי אזוי דער ארימאן לעבט נאך, האבן זיי געשטעלט דריי מענטשן זאלן באהאלטענערהייט נאכקוקן ווער ס'געבט אים צו עסן, זיי האבן געזעהן ווי אזוי די טאכטער פון לוט לייגט אריין אין א פאס ברויט און זי געבט אים די פאס, האט מען איר פארברענט.

איינמאל האט מען באשטראפט א מיידל וואס האט אויך געגעבן צדקה, מ'האט איהר באשמירט די גאנצע גוף מיט האניג און מ'האט איהר געלייגט אוואו ס'איז דא אסאך בינען און די בינען האבן איהר אויסגעציפט.

אויב איז געקומען א עושר ביי זייער שטאט האבן זיי גערעדט צו אים און צוביסלעך האבן זיי אים צוגעפירט אונטער א וואנט און זיי האבן אראפ געווארפן די וואנט אויף דעם עושר און זיי האבן צוגענומען די גאנצע געלט.

ס'איז געווען דארט א עושר וואס האט מורא געהאט ארויס צו גיין פון זיין שטוב וועגן די שלעכטע מענטשן האבן זיי אים געגעבן א שמן וואס האט א שלעכטע ריח ער זאל עס באהאלטן ביי זיינע אוצרות און ביינאכט האבן די מענטשן זיך אריין גע'גנב'עט ביי זיין שטוב און זיי זענען געגאנגען לויט דעם שלעכטן ריח פון די שמן און אזוי האבן זיי צוגענומען זיין גאנצע געלט.

שרה אמינו פלעגט שיקן אליעזר קיין סדום צו זעהן ווי אזוי פילט זיך לוט, אליעזר האט געזעהן ווי אזוי זיי שלאגן א ארימאן האט אליעזר זיי געשריגן ענק האבן נישט מורא פון דער אייבישטער?, האבן זיי געווארפן שטיינער אויף אליעזר.

ווען די מלאכים זענען געקומען צו לוט האט לוט זיך געמאכט כאילו ער קריגט זיך מיט זיי ווייל ער האט מורא געהאט אז די מענטשן וועלן אים הרג'ענען.

בס"ד

# יארצייט פון צדיקים

**ט"ו חשון**

## רבי צבי הירש ב"ר מאיר האראוויטץ זצ"ל
## אב"ד טשארטקוב

דער טאטע פון דעם הפלאה און רבי ר' שמעלקא זצ"ל

**עס** ווערט פארציילט אז איינמאל איז ר' הערש בלינד געווארן לא עלינו, ער האט נישט געקענט זעהן, און דער באשעפער האט געהאלפן, ער איז געזונט געווארן און ווייטער געקענט זעהן געהעריג, האט ער לכבוד דעם, אדורך געלערנט און מסיים געווען גאנץ ש"ס.

**ער** האט געוואלט לכבוד דעם מאכן א גרויסע סעודה, האט ער באשטעלט ביים קצב רינדער פלייש, פונקט האט דער פריץ פון יענע שטעטל אויך יענעם טאג באשטעלט פון די פיינע רינדער פלייש, דער קצב האט נישט געוואוסט וואס צו טוהן?, אויב וועט ער נישט שיקן פון די פלייש פאר'ן פריץ, וועט אים דער פריץ באשטראפן?, (אמאליגע צייטן האבן די פריצים געהאט א גרויסע כח און זיי האבן געקענט טוהן וואס זיי האבן געוואלט) איז ער אריבער געקומען צום רב, אים פרעגן וואס ער זאל טוהן, האט אים דער רב געזאגט, די פלייש זאלסטו ברענגען צו די גרויסע סעודה, און פון דעם פריץ דארפסטו זיך דערשרעקן, עס וועט דיר גארנישט פאסירן!.

**דער** קצב האט אזוי געטוהן, ווי דער רב האט אים געהייסן, ווען דער פריץ האט זיך דערוואוסט אז דער רב איז געווען דער וואס האט אוועק גענומען דאס גוטע פלייש, האט ער געלאזט רופן דעם רב און האט אים געפרעגט, ווי אזוי האסטו זיך געטרויעט אוועק צו נעמען מיין פלייש וואס איך האב באשטעלט ביים קצב?, האט דער רב געענטפערט, איך האב געהאט א גרויסע נס! דעריבער האב איך געדארפט די פלייש צו די סעודת הודאה.

**האט** דער פריץ געזאגט גוט! איך גיי דיר אויספראבירן, אויב וועל איך מיך איבערצייגן, אז דו ביזט א הייליגער מענטש, וועל איך דיר גארנישט טוהן, און אויב איך וועל מיר איבערצייגן אנדערש, וועסטו דערפאר טייער באצאהלן!.

**דער** פריץ האט געהאט צוויי גרויסע הונט וואס האבן געקענט פארציקן מענטשן, האט דער פריץ געהייסן ברענגען זיינע הונט צו די שטוב וואו דער רב איז געווען, און ער האט זיי געלאזט מיטן רב, ווי די הונט האבן געזעהן דעם רב, איז געפאלן אויף זיי א פחד און א שרעק אז זיי האבן אויסגעבראכן די פענסטער פון שטוב און זיי זענען פון דארט ארויס געלאפן.

**לויפנדיג** זענען די הונט אריין געפאלן אין א גרוב און זיי זענען דארט געשטארבן, דער פריץ האט אפגעלאזט דעם רב, און האט זיך מער נישט געטשעפעט מיט די אידן.

בס"ד

# קבר רחל אמינו

די וואך דינסטאג י"א מרחשון איז געווען די יארצייט פון רחל אמינו ע"ה.

פון די אלע "מקומות הקדושים" אין ארץ ישראל, איז נישט פארהאן א פלאץ – אויסער דער "כותל המערבי" – וואס איז אין אלע יארן געווען אזוי נאנט צום הארצן פון כלל ישראל, ווי די באקאנטע "קבר רחל".

אין דעם קליינעם אוהל שוועבט די קדושה פון אונזער געטרייע הייליגע "מאמע רחל" דאס איז דער מציבה וואו לאנגע יארן און דורות האבן זיך אידישע קינדער אויסגעגאסן זייער צובראכן הארץ און זייער וויטאג וואס ליגט אויף זיי, איבערהויפט אין די ימי הרחמים והסליחות, ערב ראש חודש פלעגן אידן פון אלע עקן לאנד שטראמען צו דעם "קבר רחל" אויסגיסן דאס הארץ פאר זייער טאטן אין הימל, און מיט א הייסע תפילה מעורר זיין דאס רחמנות פון אונזער געטרייע מאמע רחל אויף אירע צובראכענע קינדער וואס ווארטן אויף א ישועה מן השמים.

אן עקסטערע באדייט האט די תפילה אויפן קבר פון די מוטער וואס וויינט אויף אירע קינדער, ווי די רייד פון אונזער נביא "קול ברמה נשמע רחל מבכה על בניה"... "מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה"... אבער רחל וויל נישט אממעמען קיין טרייסט "ומאנה להנחם"... ביז מען וועט איר מקיים זיין דעם צוזאג "ושבו בנים לגבולם"...

## רחל מבכה על בניה

רחל אמינו איז אלעמאל געווען דער סימבאל פון א "אידישע מאמע", דאס געשטאלט פון אונזער מאמע רחל קומט צום אויסדרוק אין עטליכע פלעצער אין חז"ל, וואו אונזערע הייליגע חכמים ברענגען ארויס איר גרויסן כח און עקסטערן השפעה, וויל למשל די באקאנטע חז"ל, ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן זענען די הייליגע אבות געקומען צום באשעפער בעטן רחמים אויף כלל ישראל, אבער זייערע תפילות זענען נישט אנגענומען געווארן, אפילו די תחנונים און בקשות פון די תורה הק' אליינס האט אויך נישט געהאלפן – דערציילן אונז ווייטער די חכמים – "באותה שעה קפצה רחל אמינו לפני הקב"ה ואמרה" דעמאלטס האט רחל אמינו זיך אוועק געשטעלט פאר'ן באשעפער און אויסגעשריגן, רבונו של עולם, דו ווייסט דאך דאס גרויס ליבשאפט וואס יעקב האט צו מיר געהאט, און האט פאר מיר געארבעט זיבן גאנצע יאר, און ווען עס איז שוין געקומען די צייט צו החתונה האבן מיט אים, האט מיין טאטע מיך אויפגעטוישט מיט מיין שוועסטער לאה, און איך האב נישט מקנא געווען מיין שוועסטער און איר נישט פארשעמט, נאר איך האב איר איבער געגעבן די סימנים וואס יעקב האט מיר געגעבן, דו מלך חי וקים ורחמן, פארוואס האסטו כביכול מקנא געווען אין די עבודה זרה וואס האט נישט קיין ממשות און דו האסט פארטריבן מיינע קינדער פון זייער לאנד – שטייט ווייטער – גלייך האט דער רבש"ע אויסגערופן "בשבילך רחל, אני מחזיר את ישראל למקומם", וועגן דיר רחל, וועל איך צוריק קערן דיינע קינדער צו זייער פלאץ.

אבער נישט נאר ווען די אידן גייען ארויס אין גלות שטייט זי און בעט פאר זיי, נאר יעדן איינציגן טאג איז זי מעורר רחמים ביים כסא הכבוד פאר אירע קינדער, אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש אז ווייל לאה האט געוויינט יעדן טאג ביים פרשת דרכים און געבעטן זי

זאל נישט אריינפאלן אין די הענט פון עשו, האט דער באשעפער איר געזאגט איך שווער דיר ביים לעבן אז דיין שוועסטער וועט שטיין אינמיטן וועג (איר מצבה) און וויינען אויפן גלות פון אירע קינדער, אבער דו וועסט שטיין אינעווייניג (אין מערת המכפלה) און נישט וויינען.

## ווען איז אויפגעשטעלט געווארן דער ציון אויפן קבר רחל

אין אנפאנג ווען די אידן זענען געוואויר געווארן פון דעם פלאץ וואו רחל אמינו איז באערדיגט איז דאס געשטאנען צווישן פיר זוילן (עמודים) און אויף זיי א רינדעכיגן וויסן דאך, פון צייט צו צייט האט מען באנייט און פארברייטערט דעם בנין אויף די מציבה.

רבינו עובדיה מברטנורא וואס איז ארויף געקומען קיין ארץ ישראל אין יאר רמ"ב האט באזוכט ביים קבר רחל, שרייבט ער אז דער בנין פון קבר רחל קוקט אויס ניי איבער געבויט.

ר' בנימין פון טולדנאה וואס האט באזוכט אין ארץ ישראל אין יאר תק"ל האט דערציילט: "די מציבה געפינט זיך אינמיטן וועג, און די מציבה איז אויפגעשטעלט פון עלעף שטיינער אזוי ווי די צאל פון די שבטים בני יעקב, און העכער די מציבה איז געבויט א ווייסע דאך אויף פיר זיילן".

ר' פתחיה פון רעגנשבורג וואס איז ארויף געקומען קיין ארץ ישראל צען יאר נאך אים, לייגט צו: "אויפן קבר איז פארהאן עלעף שטיינער אנטקעגן די עלעף שבטים, און ווייל בנימין איז ערשט געבוירן געווארן נאך וואס איר נשמה איז ארויס געגאנגען איז נישט דא קיין שטיין אנקעגן אים", ער שרייבט צו: "עס איז אויך דא א שטיין וואס שטייט העכער אלע שטיינער און דא איז אנטקעגן יעקב אבינו".

*

אויך דערציילט ער דארט: "אז די גלחים און גוים האבן אוועק גענומען דעם גרויסן שטיין פון דעם קבר און זיי האבן דאס אריינגעלייגט אין זייער בנין פון עבודה זרה, אויפצומארגנס האבן זיי געזעהן אז דער שטיין איז צוריק אויפן קבר, האבן זיי דאס צוריק גענומען און אזוי ווייטער עטליכע מאל איז דער שטיין צוריק געפלויגן אויפן קבר און זיי האבן אויפגעהערט דאס אוועק צו נעמען פון דעם קבר רחל".

אזוי שרייבט ער אויך אז אויף דעם אויבערשטן שטיין איז אויפגעקריצט "יעקב".

דער תלמיד פונעם רמב"ן, וואס האט מחבר געווען דעם "תוצאות ארץ ישראל" ברענגט דעם סדר פון די שטיינער איינס אויפן צווייטן, "די קבלה איז אז די צעהן שבטים האבן שפעטער געלייגט צעהן שטיינער און זייער טאטע יעקב האט אויפגעלייגט די די אויבערשטע שטיין, בנימין האט נישט געלייגט ווייל ער איז נאך געווען קליין (אכט יאר אלט)".

לויט איין גירסא איז אין יאר שפ"ב ווען דער של"ה הקדוש האט זיך באזעצט אין די הייליגע שטאט ירושלים, האט דער מושל פון ירושלים דער אראבישער



קבר רחל פון אינעווייניג

בס״ד

הערשער געגעבן זיין רשות צו אויפבויען די ווענט צווישן די זיילן פון אונטער די דאך און אזוי האט דער קבר רחל באקומען א צורת בית פון פיר ווענט.

אין יאר תקצ״ט האט באזוכט אין ארץ ישראל דער שר ר׳ משה מאנטיפיורי מיט זיין ווייב און זיי האבן געטראפן דעם בנין אויפן קבר רחל צובראכן און זיינע ווענט האלטן ביים אראפפאלן, האבן זיי דעמאלטס אפגעקויפט דאס פלאץ פון דעם טערקישן הערשער וואס איז דעמאלטס געלעגן אונטער זיין רשות, גלייך נאכן אפקויפן דאס פלאץ האט ר׳ משה מאנטיפיורי געהייסן פאררעכטן דעם קבר רחל און פארברייטערן דעם אוהל אויף זיין חשבון, און אזוי האט מען טאקע פארראכטן דעם אוהל.

## מרן רבינו הק׳ בעל דברי יואל זי״ע איז זיך משתטח אויפן ציון הק׳

אין ספר דרך המלך (עמ׳ ס״ט) ווערט געברענגט אז זונטאג פ׳ שופטים כ״ו אב תרצ״ב ווען דער רבי ז״ל האט געווײלט אין אר״י האט דער רבי משנה געווען פון זיין מנהג און האט זיך צוגעאיילט מיטן דאווענען פרי, ארום אכט אזייגער איז שוין דער רבי פארטיג געווען מיטן דאווענען, כדי ער זאל קענען פארן אויף מקומות הקדושים און זיך משתטח זיין אויף די קברות הצדיקים, ווי דאס איז געווען דער עיקר פון דעם רבי׳נס סיבה צו אונטערנעמען די שווערע רייזע.

צום ערשט איז דער רבי נאכאמאל געגאנגען צום כותל המערבי זיך צו אויסבעטן ביי די שכינה הקדושה, פון דארט איז דער רבי גלייך געפארן צום קבר רחל אמנו אין בית לחם, דער רבי האט מתפלל געווען מיטן גאנצן ציבור מיט גרויס התעוררות און השתפכות הנפש און געגועים עצומים ווי א קינד ביי א מוטער, פון זיינע אויגן האבן געפלאסן טייכן טרערן אן קיין אויפהער.

אינמיטן תהילים זאגן האט מען שטיל געמאכט דעם גאנצן ציבור און דער רבי האט געזאגט עטליכע ווערטער מיט גרויס התעוררות און א יאמערליכן געוויין וועלכע האט – לויט ווי די אידן דערציילן – אויפגעשוידערט יעדן איינציגן מיטבאטייליגטן, דער רבי האט זיך ווי אויסגע׳טענה׳ט כביכול בינו לבין קונו: ״ירמיהו הנביא האט געטרייסט אונזער מוטער רחל ביים חורבן הבית ווען ער האט געזאגט קול ברמה נשמע רחל מבכה על בניה מאנה להנחם וגו׳ כה אמר ה׳ מנעי קולך מבכי כי יש שכר לפעולתך ושבו בנים לגבולם״ – האט דער רבי אויסגעשריגן מיט מורא׳דיגע בכיות –״הייליגער באשעפער וואס פארא טרייסט איז דאס פאר א מאמע ווען מען זאגט איהר אז נאך עטליכע טויזנט יאר וועלן די אידישע קינדער זיך צוריק–קערן לגבולם, און וואס וועט זיין ווען זיי וועלן זיין פארווארפן אינעם פינסטערן גלות, און וואס פארא טרייסט איז דאס פאר רחל אמינו, אז נאך צוויי טויזנט יאר וועט מען צוריקקומען״ און מיט יאמערליכע קולות האט דער רבי געשריגן און מעורר רחמים געווען כלפי שמיא ווען



בס"ד

מילין לצד עילאה ימלל מעורר צו זיין רחמים אויף די גאולה שלימה.

ווען דער רבי האט זיך אויפגעהויבן זיין קאפ, האט מען געזעהן ווי אויפן פלאץ וואו דער רבי איז געשטאנען איז געווען אינגאנצן דורכגעווייקט פון די טייכן טרערן וואס דער רבי האט דארט פארגאסן.

דערנאך ווען דער רבי איז אהיימגעקומען קיין קראלע האט ער ביי זיין תקיעת שופר דרשה – וואס איז געווען די ערשטע דרשה נאכן אהיימקומען פון ארה"ק – נאכאמאל איבערגע'חזר'ט די דיבורים מיט גרויסע בכיות, און שטארק מרעיש עולמות געווען מיט די דיבורים, און דער התעוררות און די בכיות אין ביהמ"ד איז געווען גאר גרויס.

דאן האט דער רבי גענומען די קוויטלעך פונעם ציבור מעורר צו זיין רחמי שמים אויף יעדן באזונדער מ'זאל געהאלפן ווערן בכל מילי דמיט"ב.

עס איז אינטערעסאנט צו ציטירן א שטיקל פון א בריוו פון הרבני החסיד ר' יעקב יוסף לעפקאוויטש ז"ל וועלכער איז מיטגעקומען מיטן רבי'ן וואו ער שרייבט צו זיין זוהן הרה"ח ר' אברהם ז"ל און ער שילדערט די גרויסע התעוררות ביי קבר רחל מיט געציילטע ווערטער ווי פאלגענד: **בעז"ה יום ב' שופטים. אהובי בני יקירי וכו' אתמול הייתי וכו' נסענו לקבר רחל אמינו והתענוג הרוחני מה שהרגשתי שם א"א להגיד, ממש כמו הבן האהוב לאמו ובא מרחוק והתנצל על גודל צערו וצועק אמי אמי תרחם עלי והושיענו מרוב יגוני וצערי, ואקוה שבוודאי רחל מבכה על בניה וכו'. ע"כ.**

* * *

אויך ווערט געברענגט דארט אין ספר דרך המלך אויף אן אנדערן ארט אז אין דעם טאג י"א חשון דאנערשטאג פר' לך לך תש"ו, די יארצייט טאג פון רחל אמינו ע"ה, האט דערציילט הרה"צ ר' פנחס בריזל ז"ל, איז דער רבי שפעט נאכן דאווענען תפילת שחרית אין די נאכמיטאג שעה'ן ארויסגעפארן צום ציון הק' פון רחל אמינו.

עס דערציילן די אנוועזנדע אז ביים ציון הק' האט דער רבי איינגעריסן רחמי שמים מרובים, דער רבי האט מתפלל געווען מיטן גאנצן ציבור מיט גרויס התעוררות און השתפכות הנפש און געגועים עצומים ווי א קינד ביי א מוטער. פון זיינע אויגן האבן געפלאסן טייכן טרערן אן קיין אויפהער און האט זיך אנגערופן דער באשעפער האט דאך צוגעזאגט פאר רחל אמינו ע"ה ושבו בנים לגבולם, איז דא דער ארט איינצורייסן פאר די גאולה העתידה. און מיט יאמערליכע קולות האט דער רבי געשריגן און מעורר רחמים געווען כלפי שמיא ווען מילין לצד עילאה ימלל מעורר צו זיין רחמים.

דאן האט דער רבי גענומען די קוויטלעך פונעם ציבור און מתפלל געווען אויף יעדן באזונדער מ'זאל געהאלפן ווערן בכל משאלות לבם לטובה.



בס"ד

## דער איסור פון מרן רבינו הק' זי"ע צו גיין צום קבר רחל בימינו

ארויסגענומען פון ספה"ק על הגאולה ועל התמורה (סימן ק"ז) – איבערגעזעצט אויף אידיש

"און נאך א טעם פארוואס מען זאל זיך פארמיידן צו גיין צו אט די מקומות הקדושים וואס זיי האבן יעצט איינגענומען, ווייל בעוונותינו הרבים זענען די פלעצער געווארן דורך זיי א פלאץ פון פריצות און געפערליכע תערובות, גאנצע גרופעס פון מינים און אפיקורסים, באגלייט מיט מורא'דיגע חילול שבת און חילול שם שמים, און אויף דעם האט דער פסוק אנגעווארנט נישט צו גיין מיט זיי טאמער וועט מען געפאנגען ווערן אין זייער נעץ, אזוי ווי איך האב מסביר געווען אין ספר ויואל משה, אז מען טאר נישט גיין אין זייער זיץ פלאץ אפילו אויב זיי זענען אין יענע צייט נישט דארט ווייל אפיקורסות האט אין זיך דעם כח פון צו ציען די מענטשן...

בעוונותינו הרבים זענען די איינגענומענע מקומות הקדושים געווארן א פלאץ פאר די אלע אפיקורסים און פרוצים און מופקרים, און אפילו לאמר זאגן אז די ערליכע אידן וועלן גיין אהין ווען די מופקרים זענען נישט דארט, אבער אויף דעם האט שוין שלמה המלך ע"ה געווארנט אז אין קיין שום פאל זאל מען נישט גיין אין די פלעצער, וואו זיי זענען געוואוינט זיך צוזאמען צונעמען, טאמער מען וועט געשטרויכעלט ווערן אין זייער נעץ וכו'.

**און בנוגע דעם קבר רחל איז שוין פארשפרייט דעם מנהג אין משך פון די יארן, צוגיין דארט, און מען האט נישט געוואלט מבטל זיין א מנהג ישן נושן, אבער אין אמת'ן דאס גיין דארט צום קבר, האט א פלאץ צו זיין מסופק אין אונזערע צייטן, ווייל די אראבער'ס האבן דארט געמאכט א בית הקברות, צו באגראבן דארט זייערע טויטע, און דאס גאנצע פלאץ איז פול מיט קברי רשעים, און עס איז מבואר אין ספרים הקדושים אז עס א סכנה צו גיין אויף קברי רשעים ווייל זיי זענען מזיק, און אזוי אויך איז דא אויף יענעם פלאץ בתי תפלות און עבודה זרה של עכו"ם...** ביז דא איז לשון קדשו פון רבינו הקדוש זי"ע (ועיי"ש עוד טעמים).



די צווייטע זייט פון דעם קבר רחל, ווי מען זעהט די אראבי'שע קברים דערנעבן.
וכלה"ק פון מרן רביה"ק זי"ע אין על הגאולה והתמורה סימן ק"ז "הערבים עשו בית הקברות אצל קבר רחל"

און טאקע פי צדיק ישמורו, אויפן באפעל פון אונזער הייליגן רבי'ן זי"ע האלטן זיך אפ טויזנטער אידן פון צו גיין צום קבר רחל אמינו ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין בקרוב צו ביאת המשיח און תחיית המתים ויקוצו וירננו שוכני עפר במהרה בימינו אמן.

בס״ד

# קעסטל רעטעניש

**טרעף 2 פסוקים וואס עס שטייט די וואך אין די פרשה**

**וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְהָאֱלֹהִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַבְרָהָם וַיֹּאמֶר הִנֵּנִי:**

(קאפיטל כ״ב פסוק א׳)

**וְהִתְבָּרְכוּ בְזַרְעֲךָ כֹּל גּוֹיֵי הָאָרֶץ עֵקֶב אֲשֶׁר שָׁמַעְתָּ בְּקֹלִי:**

(קאפיטל כ״ב פסוק י״ח)

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ו | י | א | מ | י | נ | נ | ת | ה | ו |
| י | ו | ר | ר | א | ל | ה | ב | ר | כ |
| ה | מ | ב | א | ו | י | ר | מ | א | ו |
| י | ה | ר | ה | מ | ו | י | א | ז | ב |
| א | ר | ש | ג | ל | כ | כ | ע | ר | ה |
| ח | ב | א | ו | י | י | ה | א | ר | צ |
| ר | ש | ת | א | ה | ל | ק | ב | ת | ע |
| ה | א | ל | ה | ס | י | נ | ה | ע | ק |
| ד | ה | מ | ו | נ | מ | י | ש | מ | ב |
| ב | ר | י | ה | א | ל | ק | ר | ש | א |

ווען מ׳ענדיגט די קעסטל רעטעניש דארף מען צוזאם נעמען די אלע איבער
געבליבענע אותיות און עס אריין שרייבן אין די קומענדיגע קעסטלעך
וועסטו טרעפן די יו״ט וואס מ׳ליינט די פרשה פון די עקידה

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | |